דערשיינט יעדן צווייטן פרייטיק

# בית יעקב

ליטעראַרישער זשורנאַל

יאַרגאַנג 9

אָרגאַן פאַר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פּוילן

רעדאַקטאָר: א. ג. פרידנזאָן

נומער 77

ב"ה, לאָדזש-קראָקע-וואַרשע, פרייטיק פ' נח ה' מרחשון תרצ"ב

## אונדזערע ערשטע אַנקעטע ביי די לייענערנס פון בית-יעקב-זשורנאַל

פון היינטיקן נומער אָן וועלן מיר פאַרעפנטלעכן אין אונדזער זשורנאַל אַ ריי וויכטיקע אַנקעטעס, וואָס די תשובות פון אונדזערע חשובע לייענערנס אויף זיי, וועלן האָבן אַ גרויסע באַדייטונג.

בית-יעקב-זשורנאַל, וואָס איז שוין זייט יאָרן לאַנג אַ געטרייער פריינט און דערציער פונים יינגין פרויען-דור, וויל איצטער לאָזן קומען צום וואָרט וועגן אַלע ענינים די לייענערנס גופא. דער פּראַקטישער וועג דערצו, איז טאַקע דאָס דורכפירן אַנקעטעס און פריי אומגישטערט, זאָלן זיך די לייענערנס אַרויסזאָגן זייערע מיינונגען און די ענטפערס אויף די פראַגן, וואָס וועלן זיי אין יעדער אַנקעטע גישטעלט ווערן. אַזוי אַרום וועט אויך זיין אַ נוצלעכער מיינונגס-אויסטויש צווישן אונדזערע אידעען-שוועסטער. מיר זענען זיכער, אַז דאַדורך וועלן אַ סך ערנצטע און וויכטיקע פּראָבלעמען פונים גייסטיקן אוןווירטשאַפטלעכן לעבן פון אונדזער פרויען-יוגנט באַקומען זייער תקון.

אונדזער היינטיקער ערשטער אַנקעטע נעמט אַרום פאָלגענדע 10 פראַגן:

1) צי ביסטו צופרידן מיט דעם שטייגער דערציאונג וואָס דיינע עלטערן האָבן דיר גיגעבן, אויב נישט, מיט וואָס ביסטו אומצופרידן?

2) צי האַלטסטו פאַר שעדלעך צו קומען אין קאָנטאַקט מיט רעליגיאָנסלאָזע מענטשן?

3) וועמען טוסטו גערנער פאַרטרויען דיין סוד, פאָטער, מוטער צי פריינט?

4) וואָסאַרע פראַגע פלאָגט דיך צומייסטן?

5) ווער איז פאַר דיר אַן-אויטאָריטעט, אויף וועמען דו וואָלסט דיך פאַרלאָזט מיט דיינע ספקות?

6) וועלכיס קונסט-גיביט אינטעריסירט דיך צו מייסט (מוזיק, גיזאַנג, טענץ, מאָלן, צייכענען אא"וו)?

7) צי ווילסטו זיין מאַטעריעל אומאָפּהענגיק (ווי למשל פאַרדינען פון אַ באַשעפטיקונג, אָדער אַרבעט אין וואָס דיין מאַן וועט נישט זיין באַטייליקט)?

8) צי ווילסטו זיין באַשעפטיקט, נאָר אַלס גיהילף אין דיין מאַנס מסחר אָדער אַרבעט?

9) צי ווילסטו אין גאַנצן נישט זיין באַטייליקט אין אַ פאַרדינסטצווייג, נאָר בלויז זיין אַ הויז-פרוי?

10) ווי אַזוי קלערסטו נאָך דער חתונה גייסטיק דיך ווייטער צו פאַרפאָלקאָמען און צי האַלסטו פאַר מעגלעך אויך אַלס פרוי פון אַ משפחה צו קענען לייסטן גיזעלשאַפטלעך?

עס איז דער חוב פון אַלע אונדזערע לייענערנס תיכף צו ענטפערן אויף אונדזער ערשטער אַנקעטע. שוין פון קומידיקן נומער אָן (78) וועלן מיר אָנהייבן פאַרעפנטלעכן די ענטפערס. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז וויכטיק דאָס די ענטפערס זאָלן זיין וואָס אויספירלעכער און וואָס מיין באריכות. וואָס מיין לייענערנס עס וועלן זיך באַטייליקן אין דער אַנקעטע, אַלץ וויכטיקער עס וועלן זיין אירע רעזולטאַטן. דאָס מאַטעריאַל וועט האָבן גאָר אַ גרויסן באַטייט, צו קענען האָבן אַ לעבידיק בילד פונים טראַכטן און בליק פונים יינגין פרויען-דור אויף די וויכטיקע פראַגן וואָס זענען אין דער אַנקעטע גישטעלט גיוואָרן. אַלע לייענערנס ענטפערן תיכף!

1) אויף דער היינטיקער אַנקעטע ענטפערן נאָר לייענערנס—פרויליינס; 2) מ׳מוז נישט ענטפערן אויף אַלע פראַגען, מע קען אויך ענטפערן נאָר אויף אַ טייל פון זיי; 3) אויף די ענטפערס מוז נישט זיין דורכאויס אונטערגישריבן קיין נאָמען, עס גיניגט בלויז אַ פּסעוודאָניק; 4) אינים ענטפער בריוו מוז זיין בייגילייגט דער אַנקעטע קופּאָן (זע לעצטע זייט); 5) קיין בריוו-אויסטויש מכוח דער אַנקעטע ווערט נישט גיפירט; 6) אויפן בריוו מוז זיך גיפונין גינוג פאָסט-אָפּצאָל; 7) אויפשרייבן אויף דער קאָנווערט „פאַר אַנקעטע נומער".

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
ŁÓDŹ, 16 Października 1931
BAJS JAKOW
Cena 65 gr.
Rok IX zeszyt (77) 2
Adres Red. „Bajs Jakow"
Łódź, Kilińskiego 44.
Telefon 109-77.

## תּוֹכן פון הייַנטיקן נומער:

א) אונדזער ערשטע אַנקעטע.* ב) זאָלן מיר נישט זבן יוצא געווען—א. ג. פרידנזאן ג) הבגדה און עלי' ד"ר נתן בירנבוים; ד) אַ תּפלה צו ליכט בענטשן (ליד) איש לוי; ה) די הייב—וו. לייכנער; ו) דער רב און דער שמש — שמואל נאָדלער; ז) די סדרה נח — שרה שענירער; ח) אונטער די פליגל פון מלאך המות (מלחמה-זכרונות);—אליעזר שינדלער; ט) די טראַגעדיע פון אַ דיכטער—משה מאַרק; י) אַ גוטער סימן—הרב טובי' הארוויץ; יא) פון אַ גיניטער האַנט און פון אַ פאַעטישער נשמה-יעקב לאַנדע. יב) אַ גיבענטשטע שטאָט, אַגיבענטשטע מדינה (וואָס די כינעזער דערציילן)—בן-איש; יג) שלוש-כּצודות (שטימונג) באַטשע ווייכקאהל; יד) כינעזיש מלחמה·ליד— א. שינדלער; טו) ביי די אנוסים אין פארטוגאַל — בנימין מינץ; טז) וואונדער אינים טאָג-טעגלעכן לעבן—ד"ר משה אַמער; יז) נאָטיצן וועגן ליטעראַטור און קולטור·ענינים; אונדזער שול-וועלט: יח) צום מצב פון די בית-יעקב·שולן—א. ג. פ; יט) זייער רעכט און אונדזער פליכט—הלל זיידמאַן; כ) וועגן „קינדער גאָרטן און „פרישע בלימעלעך" כא) 15 יעריקער יובל פון דער ערשטער ב"י שול כב) די חנוך-קאנפערענץ אין ווילנע כג) אַנקעטע ביי אונדזערע מוטערס כד) ידיבות כה) אַנאנסן, מלחמה=בילדער.

צו דער פארלאבונג פון אונדזערע חברות: מרים יאסקאוויטש מיט ה' זשארקאווסקי (פיעטרקאוו) פערל פרידמאן מי ה' כשצפלאן (זד. וואלע), מייטע פירשטענבערג מיט ה' בעגדלאוויטש (פאביניץ), רחל ניידאט מיט ה' בלאָשטיין (לאדזש), ווינטשן מיר אלע א הארציקן מזל-טוב.

זד.—וואלע — בנות אגודת ישראל
לערערין געלבלום

צו דער פארלאבונג פון אונדזערע חברות און פריינדנס: מרים יאסקאוויטש מיט ה' זשארקאווסקי (פיעטראקאוו) מייטע פירשטענבערג מיט ה' בענדלאוויטש (פאביניץ) ווינטשן מיר פיל גליק און א ברכה-פולן מזל טוב.

זד—וואלע — חיה ווייגנאט, פערל שילת
שרה פירשטענבערג בראנא פאלקע

מזל-טוב און א סך הארציקע ברכות ווינטשן מיר אונדזערע חברות: מרים יאסקאוויטש און מייטע פירשטענבערג צו זייער תנאים. השי"ת זאל באגליקן אייער עתיד.

זד—וואלע — מרים קנאבלאוויטש, מלכה
קריגער, מאַכטשע ראזנבלאַט

דעם טיפסטן מיטגיפיל דרוק איך אויס דער חשובער פר. קירשבוים צום טויט פון איר ליבער מוטער ע"ה. אין דער ארבייט פאר אונדזער אידעאל זאל זי געפונען א נחמה.

טורעק — לערערין חי' שרה גרינבערג

### ניחום-אבלים

צוזאמען מיט דיר אונדזער אידעען-שוועסטער יענטע גרינבערג טרויערן מיר צוליבן טויט פון דיין אזוי געליבטער שוועסטער פריידא ע"ה. אין דער ארבייט פון אונדזער הייליקן אידעאל זאלסטו א טרייסט געפונען!

סאכטשעוו — בנות אגודת ישראל

### מזל-טוב

דער פאמיליע טאַץ (שערפץ) צו דער חתונה פון זייער זון, און דער פרוי פליישער צום געבורט פון איר טעכטערל, ווינטש א הארציקן מזל-טוב.

לאדז-אזארקאוו — רחל מילשטיין

א ברכה-פולן מזל-טוב וואונטשן מיר אונדזער געוו. איבערגעגעבענע ב"י לערערין און בנות-פירערין פרל. בלימא רויזא אונגער צו איר פאר לאבונג מיט ה' זילבער (שטשעבזשעשין) אייער צוקונפט זאל געבויט ווערן אויף די יסודות פון אונדזער הייליקן אידעאל.

ווירושאוו — פריידא לעווענהאַף.
געשוו. לעווענהאַף, רייזל
לעוו. געשוו. דזיאַלאווסקא,
חנה אייזנער און הענע
גאלדע לעווקאוויטש.

א הארציקן מזל-טוב און אייביקע צופרידנהייט. ווינטשן מיר דער פאמיליע יאנאווסקי צו דער פארלאבונג און אונדזער ל. פריינקן פרל א יאנאווסקא. אייביקס גליק זאל איר נייעם וועג באגלייטן.

לוטאטאוו — ז. ווראצלאווסקא
ר. אַנקלעוויטש

פון טיפן הארצן ווינטשן מיר מזל-טוב אונדזער בנות חברה פרל. רבקה סאלויק (יענדזשעוו) מיט ה' יצחק סאלניק (חלאצלאוועק). זאל ג-טלעך גליק הארמאניש אייער נייען לעבנס-וועג באשטראלן.

יענדזשעוו — לערערין פון ב"י גיטל
לובינסקא
בנות אגודת ישראל.

דעם טיפסטן הארציקסטן מיטגיפיל-אויסדרוק געבן מיר איבער דעם ה' ליכטנשטיין און אינערמידלעכע ב"י און בנות=עסקנים פאמיליע קירשבוים צוליבן טויט פון זייער פרוי, מוטער און שוויגער פרוי אסתר ליכטנשטיין ע"ה. אין דער חייטער-דיקער ארבייט פאר אונדזערע הייליקע אידעאלן זאלט איר אייער טרייסט געפונען.

טורעק — בנות אגודת ישראל
בתי' פאַרבאַנד
אַלע קורסן בית יעקב.

## צו אַלע בית=יעקב=פאַרוואַלטונגען און לערערנס!

מיר פאדערן אייך אויף, אינטענסיוו און ענערגיש זיך באַמיען צו שאפן שטענדיקע געזיכערטע אַבאָנענטן פאַר אונדזער נייטיקע און שטארק וויכטיקע איינציקע אפיציעלע טריבונע

### בית=יעקב=זשורנאַל

דער זשורנאַל מוז דורך די שולן געשטיצט און אויסגעהאלטן ווערן. מאַטריעליש ;נוצט דאָס זשורנאַל, ווייל דאדורך ווערט אין דער גאנצער וועלט באַקאַנט אַלץ וואָס פאַסירט אין בית=יעקב=לעבן. גייסטיק ווידער, ווירקט און איז משפיע דער זשורנאַל אונדזער הייליקן גידאַנק איינצופלאַנצן אין די הערצער פון אונדזערע טעכ=טער. אין דער קלענצטער שטאָט מוז זיין מינדעסטנס 15 אבא-נענטן.

גאַנץ באַזונדער איז דער חוב פון אונדזערע לערערנס אין דער אקציע אַקטיוו מיטצוהעלפן און באַזונדער אבליגאַטאריש מחייב צו זיין, דאָס די ייִנגערע קינדער זאלן קויפן דעם „קינדער גאָרטן", „פרישינקע בלימעלעך" און פון די עלטערע קורסן דאָס בית=יעקב-זשורנאַל.

מיר בעטן און פאדערן פון אייך לטובת אונדזער אידעאַל צום כבוד און נוצן פון דער ב"י באַוועגונג די זאַך דורכצופירן פינקטלעך און דיסציפלינאַריש.

צענטראַלע
„בית=יעקב"
קראקע

**דער קומידיקער נומער „בית=יעקב-זשורנאַל" נר' 78 גייט אַרויס פינקט-לעך אי"ה פרייטיק פ' וירא — פאַרגרעסערט אומיטים די צאָל אַבאָנענטן!**

ג'זע ביי מ. ליבעסקינד, לאדז קילינסקעגא 50

Red. i Wyd. Luzer Gerszon Frydenzon
Druk J. Diament, Łódź Kilińskiego 50. Tel. 188-76

אַנקעטע-קופאָן